Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT — פרייז 15 גראָשען — היינט 8 זייטען

# נייער פאָלקסבלאַט

№ 108 | Łódź, Poniedziałek, 11 maja 1931 r. | ניינטער יאהרגאנג | לאדז, מאנטאג כ״ד אייר תרצ״א | № 108

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — דרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאָדז, פּעטריקאָווער 21, טעל. 224-71


# אמעריקא אינטערוועגירט אין מעקסיקא

## וועגען די פערפאָל־גונגען אויף יודען

נ י ו - י אָ ר ק, 10 (י.ט.א. טעלעגראַפיש) די וואַשינגטאָנער רעגירונג האָט טעלעגראַפיש אויפגעפאָדערט דעם אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר אין מעקסיקאָ, אויסצופאָרשען די יודען-פערפאָלגונגען אין מעקסיקאָ און אויך פעסטצושטעלען צי עס זענען נישט פאַרהאַן צווישען די געליטענע יודען, קיין אַמעריקאַנער בירגער.

## יודען-פערפאָלגונגען אין מעקסיקא

### וועט ברענגען שאדען דעם מעקסיקאַנער האַנדעל אין אויסלאַנד

ד אַ נ צ י ג, 10 (י.ט.א. טעלעגראַפיש) דער מעקסיקאַנישער קאָנסול אין דאַנציג האָט מיטגעטיילט דער מעקסיקאַנישער רעגירונג, אַז די דאָרטיגע יודען-פערפאָלגונגען האָבען געמאַכט אַ שווערען-רושם אין אייראָפּע און אַז ער האַלט, אַז דאָס קאָן ברענגען שאָדען דעם מעקסיקאַנישען האַנדעל אין אויסלאַנד.

## דערשאָסען א יודישען יונגעל אין מעקסיקא

מ ע ק ס י ק אַ, 9 (י.ט.א. טעלעגראַפיש) דער יודישער שילער דוד ראַבינאָוויטש איז דערשאָסען געוואָרען דורך זיינס אַ שול-חבר, אַ מעקסיקאַנער יונגעל.

דער דערשאָסענער איז אַלט געווען 12 יאָהר.

דער דאָזיגער פאַקט, וואָס האָט אַ שייכות מיט דער לעצטער גזירה אויף יודישע הענדלער, האָט געמאַכט אַ שווערען איינדרוק אויף דער יודישער בעפעלקערונג. די אַראָפּגעטריבענע הענדלער פון די האַלעס ערלויבט מען נישט צו דינגען קיין אַנדערע פלעצער אין שטאָט.

אין די פּראָווינץ-שטעט האָט מען אָנגעהויבען צו בעזייטיגען די יודישע הענדלער פון די מאַרק-פלעצער.

## קאָמוניקאַט פון די אוקראַינער צו דער פעלקער-ליגע

### וועגען פויליש-אוקראַינישען „אוגאַדאַ“-אָפּמאַך

ל ע מ ב ע ר ג, 10. (טעלעפאָניש) די אוקראַינישע פּאַרלאַמענטאַרע רעפּרעזענטאַציע האָט פערעפענטליכט אַ קאָמוניקאַט, וועלכען זי האָט אַרויסגעשיקט צום סעקרעטאַריאַט פון דער פעלקער-ליגע.

אין קאָמוניקאַט ווערען אָפּגעלייקענט די ידיעות וועגען אַ פויליש-אוקראַינישען „אוגאָדאַ“-אָפּמאַך. אינ׳ם קאָמוניקאַט ווערט די שולד, וואָס די „אוגאַדאַ“ איז נישט צושטאַנד געקומען אַרויפגעוואָרפען אויף פּוילען.

## גרויסע פערפלייצונג אין אוקראַינא

### קיעוו, קרעמענטשוג און דניעפּראָפּעטראָווסק פערפלייצט

מ אָ ס ק וו ע, 10. (ספּ. טעל.) דער דניעפּער און זייגע אָפּצווייגונגען זענען אַרויס פון די ברעגעס, און פערפלייצט די גאַנצע געגענד. איבער הונדערט דערפער געפינען זיך אונטער׳ן וואַסער, בעזונדערס שווער האָט די פערפלייצונג געטראָפען די שטאָט קרעמענטשוג. אין דער שטאָט דערגרייכט דאָס וואַסער ביז׳ן 2-טען שטאָק. שטאַרק געליטען האָט אויך קיעוו און דניעפּראָפּעטראָווסק. די שאָדענס בעטרעפען ביז איצט עטליכע מיליאָן רובעל.


קופאָן № 4

פון גרויסע

פּרעמיען-קאָנקורס

פון „נייעם פאָלקסבלאַט“

כדי זיך צו בעטייליגען אין פּרעמיען-קאָנקורס איז גענוג

צו צושטעלען בלויז 30 קופּאָנען


## אָנגעשטרענגטע לאגע אין בוענאָס איירעס

### ערב אַ רעוואָלוציאָנערען אויסברוך

ל אָ נ ד אָ ן, 10. (טו) מען מעלדעט פון בוענאָס איירעס אַז די לאַגע אין דער שטאָט איז זייט 24 שעה זעהר אָנגעשטרענגט. ס׳קומען פאָר [illegible] מישע דעמאָנסטראַציעס פון אַרבייטער און סטודענטען געגען דער רעגירונג פון גענעראַל אוריבורו.

כדי צו אונטערדריקען די אונרוהען האָט מען אַרויסגערופען עטליכע פּולקען קאַוואַלעריע. די סאָציאַליסטישע צייטונגען זענען אָפּגעשטעלט געוואָרען. דער טערמין פון די פּאַרלאַמענט-וואַהלען איז אָפּגעלעגט געוואָרען ביז׳ן 8 נאָוועמבער.

טיף געריהרט צוליב׳ן טויט פון מיין אונפערגעסליכען פריינד

נ. ע.

ישראל גראוועּ

דריק איך אויס דער שווער-געטראָפענער פאַמיליע מיין הארציגען ביילייד.

המקום ינחם אתכם בתוך שארי אבלי ציון וירושלים.

בנימין פּאַרעצקי.

בצער גדול הננו מודיעים על מות חבר הועד שלנו

נ״ע ישראל גרבה

בשנת החמישים ושבע לחייו.

הועד של הסניף הלודזאי של ההסתדרות המרכזית למהגרים יהודים „יעאס“ בפולין.

נאָך לאַנגע שווערע ליידען איז נעכטען געשטאָרבען אין עלטער פון 57 יאָהר מיין ליבער מאַן, מיין טייערער זוהן, אונזער פיל-געליבטער און אונפערגעסליכער פאָטער, ברודער און שוואָגער

נ. ע. ישראל גראוועּ

די לויה קומט פאָר היינט מאָנטאָג, דעם 11-טען מאַי, 1 אַ זייגער בייטאָג פון טרויער-הויז קילינסקיעגאָ 41.

די טיפטרויערנדע פאַמיליע

בלב נשבר הננו מודיעים שאחרי מחלה כבדה וממושכה נפרד מאתנו חברנו האהוב, אחד ממיסדי אגודתנו, סגן יושב-ראש

נ. ע. ישראל ב״ר מנחם מענדעל ז״ל גרבה

בשנת החמישים ושבע לימי חייו.

הלויתו למנוחת עולמיו תהיה היום, ביום ב׳ כ״ד אייר תרצ״א (11/5 31) בשעה 1 אחר הצהרים ממעונו רחוב קילינסקי 41. כל חברינו נדרשים לחלק להנפטר את כבודו האחרון.

אגודת להתעמלות ולספורט „בר-כוכבא“ בלודז

מתוך צער עמוק הננו מודיעים על מות אחד החברים הותיקים והמסורים לעבודת בנין העם והארץ

ישראל גראוועּ ז״ל

ואנו מביעים את רגשי השתתפותנו החמה למשפחתו המתאבלת.

החברים מתבקשים לבוא להלויה ולחלק למנוח את הכבוד האחרון.

ועד ההסתדרות הציונית

ועד קרן היסוד

ועדת קרן הקימת לישראל

2793

שטימט פאַר דער ליסטע 12

ציוניסטישער וואַהל-קאָמיטעט צו דער יודישער קהלה אין לאָדז.

דאָנערשטאָג, ד. 14/5, 8.30 אָוו. קומט פאָר אין פילהאַרמאָניע-זאַל נאַרוטאָוויטשאַ 20

12 אַ גראַנדיעזער מיטינג 12

אויף ד. ט.:

„אונזערע אויפגאַבען אין דער יוד. קהלה“

מיט רעדעס וועלען אַרויסטרעטען:

ד״ר י. גאָטליב (וואַרשאַ), דעפּ. ד״ר ראָזענבלאַט, רעד. י. אונגער, לאַוויניק א. יאַעל, מ. ח. רומקאָווסקי, משה לימאַן, אינזש. י. זשעלינסקי א. א.

איינגאַנג-קאַרטען ווערען אַרויסגעגעבען אין ביוראָ פון ציוניסטישען וואַהל-קאָמיטעט, שרודמיעסקאַ 29 (פריהער צעגעלניאַנאַ 4).

